גליון 291
דברים תשפ"ו



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה!

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי כִּתּוֹת וָואס הָאבְּן גֶעזוּכְט אַלְס סָארְט תַּכְלִית. דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אַז אֵיינֶע פוּן דִי כִּתּוֹת הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ גָאר אַכְזָרִיוּת'דִיגֶע אוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּכְלִית, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֶוייניִגֶער וִוי צוּ הַרְגֶענֶען מֶענְטְשְׁן! אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין גְלַייכְן.

זֵייעֶר פַארְדְרֵייטֶע הַשְׁקָפָה אִיז גֶעוֶוען, אַז אוֹיבּ אַלֶע זַאכְן וֶוערְן סוֹף-כָּל-סוֹף חָרוּב אוּן קַאלְיֶע, דַאן מוּז דָאס זַיין דִי תַּכְלִית. דֶערְפַאר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַרְגֶ'עט מֶענְטְשְׁן אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ זֵייעֶר עֶנְדֶע, וֶוערְט בַּיי זֵיי פַארְרֶעכְנְט אַלְס חָשׁוּב אוּן טַייעֶר. זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רוֹצֵחַ, אַ כַּעֲסָן, אוּן אַ גֶערֶעגְטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויסְט אַז יֶעדֶעס פְּרַט אִין דִי מַעֲשֶׂה וֶועט זַיין נוֹגֵעַ אֲפִילוּ אִין אוּנְזֶער דוֹר. פְרֶעגְן מִיר זִיךְ: וָואס הָאט דִי דָאזִיגֶע כַּת הָרוֹצְחִים מִיט אוּנְז אַיינְגֶעלֵייגְט? מִיר הָאבְּן דָאךְ בָּ"ה נִישְׁט קֵיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכְן. נָאר רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת: "עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַ מִדָּה פוּן רְצִיחָה אוּן זֵיי הַרְגֶ'ענֶען מַמָּשׁ, אָבֶער עֶס זֶענֶען אוֹיךְ דָא בַּעֲלֵי מַחֲלוֹקֶת וָואס רוֹדְפְ'ן אַ צְוֵויטְן מִיט קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה 'כִּמְעַט' בִּיז רְצִיחָה, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן רְצִיחָה."

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נַייעֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אִין כִּתָּה ו' פוּן מֹשֶׁה הִלֵּל: "אִין דְרַיי וָואכְן אַרוּם קוּמְט אַ נַייעֶר אִינְגְל פוּן אַמֶעריִקֶע צוּ אוּנְזֶער כִּתָּה. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ וואוֹינֶען צְוִוישְׁן דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער אִידְן." דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן, פְּרוּבִּירְנְדִיג צוּ אוֹיסְגֶעפוּנֶען וִויאַזוֹי עֶר הֵייסְט אוּן וִויאַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס.

נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם אִיז אַ בַּא'חֵנְ'ט אוּן אֵיידֶעלֶע אִינְגְל מִיטְ'ן נָאמֶען יוֹם-טוֹב אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה. בַּיים עֶרְשְׁטְן הַפְסָקָה הָאבְּן רוֹב קִינְדֶער אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען. אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גוּטֶע פְרַיינְט אוּן אִים גֶעלֶערְנְט פַארְשִׁידֶענֶע שְׁפִּילְן. טֵייל הָאבְּן אֲפִילוּ גֶעוִויזְן מֶער

פְרַיינְטְשַׁאפְט אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי מִנְהָגִים פוּן דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער אִידְן אוּן אִיבֶּער דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ דָארְט.

צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט דָאס אִינְגְל אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן בַּיי אִים אִין דֶעם וַוייטְן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג... עֶר הָאט נִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאהַאלְטְן זַיין טִיפְן אַמֶערִיקַאנֶער אַקְצֶענְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶער נָאךְ צְוֵויי טֶעג הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּגֶעוואוֹינְט אוּן פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

אוֹיסֶער נֹחַ! נֹחַ הָאט שְׁטַארְק מְקַנֵּא גֶעוֶוען יוֹם-טוֹבְ'ן, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשָׁאנְקֶען מִיט גוּטֶע מִדּוֹת אוּן בַּאלִיבְּט בַּיי יֶעדְן. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מָאדְנֶע אוּן קָאמִישׁ, נָאכְמַאכְנְדִיג יוֹם-טוֹבְ'ס אַקְצֶענְט מִיט אַן אָפֶענֶע שִׂנְאָה. אָנְפַאנְג הָאבְּן אַפָּאר חֲבֵרִים גֶעלַאכְט, אָבֶער מִיט דִי צַייט הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים אוּן אִים אֲפִילוּ מוּסָר גֶעזָאגְט דֶערוֹיף. יוֹם-טוֹב הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען זַיין כַּוָּונָה אוּן עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. אִין כִּתָּה הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְבוּצוֹת אוּן אַ גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת הָאט זִיךְ אַנְטְוִויקְלְט, מִיט לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, אוּן בֵּייזֶע וֶוערְטֶער בִּיז צוּ פַארְשֶׁעמֶען בְּרַבִּים, וָואס אִיז מַמָּשׁ וִוי רְצִיחָה. נֹחַ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים הוֹיךְ אוּן מִיט חוּצְפָּה.

יוֹם-טוֹב, אַלְס אַ קְלוּג אִינְגְל, הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פוּן זַיין פַארְוֵוייטָאגְט הַארְץ צוּ נֹחַ. אִין דֶעם בְּרִיוו הָאט עֶר בַּאשְׁרִיבְּן זַיינֶע בַּאהַאלְטֶענֶע קְרֶעכְצְן אוּן טְרֶערְן. מִיט זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ עֶרְקְלֶערְן פַאר נֹחַ, אַז עֶר זָאל רַאטֶעוֶוען זַיין נְשָׁמָה פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן הַלְבָּנַת פָּנִים וָואס אִיז גְלַייךְ צוּ רְצִיחָה.

נֹחַ הָאט אִיבֶּערְגֶעלֵייעֶנְט דֶעם בְּרִיוו מֶער וִוי צֶען מָאל! זַיין הַארְץ אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן צִיפֶּעדִיגֶע חֲרָטָה: "וֶוען אִיךְ וָואלְט נָאר גֶעוִויסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ טוּ אִים וֵויי... וֶוען אִיךְ וָואלְט נָאר אַ מִינוּט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט..." דִי גְרוֹיסֶע חֲרָטָה הָאט אִים גֶעפִירְט צוּ שְׁרַייבְּן אַ אִיבֶּערְבֶּעטוּנְגֶס בְּרִיוו פַאר יוֹם-טוֹב, צוּזַאמֶען מִיט אַ מַתָּנָה זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י״ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (9)

בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד. **אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען זוּכִין אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד** (כְּלוֹמֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט כָּבוֹד) אוּן דֶערְצוּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ יָאגִין נָאךְ כָּבוֹד. וָוארִין וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט כָּבוֹד אוּן יָאגְט נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. אוּן עֶר הֶעלְפְּט דִי טֶבַע וָואס זִי ווִיל כָּבוֹד. **נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִשְׁתַּדֵל** אוּן גֵייט נָאךְ דֶעם תַּכְלִית. אוּן הָאט דֶערלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית. וָוארְן דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ כָּבוֹד. כַּנַ״ל. **אִיבֶּער דֶעם דֶער מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין מֶלֶךְ** (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי נַארִישֶׁע דֵיעָה פוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי גִיפוּנֶען נַארִישֶׁע סְבָרוֹת. אוּן גִידְרַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען פַארְפִּירְט גִיוָוארִין. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט אַז כָּבוֹד אִיז דֶער תַּכְלִית. אוּן אַזוֹי דִי אַלֶע כִּתּוֹת וָואס דָא וֶועט וַוייטֶער שְׁטֵיין הָאבִּין זֵיי אַלֶע גִיהַאט נַארִישֶׁע גִידְרַאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע דֵעוֹת) **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** זוּכִין אַזוֹי אַ מֶענְשְׁן. **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאבִּין גִיזֶעהְן. ווִי מֶע הָאט גִיטְרָאגִין אֵיין אַלְטִין בֶּעטְלֶער אַ צִיגַיינֶער. אוּן סֶע זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען אֶפְּשֶׁר פִינֶעף הוּנְדֶערְט צִיגַיינֶערְס. **אוּן דֶער בֶּעטְלִיר** אִיז גִיוֶוען בְּלִינְד אוּן קְרוּם אוּן שְׁטוּם. אוּן דִי לַייט זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען וָוארִין זֵיי אַלֶע זֶענֶען גִיוֶוען זַיין מִשְׁפַּחְתִירֶע וָוארִין עֶר הָאט גִיהַאט שְׁוֶועסְטֶערְס. אוּן בְּרוּדֶערְס. אוּן זַיין זֶרַע מְרֵעִים. בִּיז סֶע אִיז פוּן זֵיי גִיוָוארִין אַזוֹי פִיל. דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אִים גִיטְרָאגִין. **אוּן דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער** הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גִיוֶוען אוֹיף זַיין כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר בֵּייז. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסִין בֵּייזֶער גִיטָאן. אוּן הָאט אַלֶע מָאל גִיהֵייסִין אַז אַנְדֶערֶע זָאלִין אִים טְרָאגִין. אוּן הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל גִיבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי. **נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער** אַ גְרוֹיסֶער אִישׁ מְכוּבָּד. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַ כָּבוֹד. אוּן יָאגְט אַזוֹי נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זַיין כָּבוֹד. אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גִיפֶעלִין. **אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.** אוּן וַוייל דָאס לַאנְד אִיז אוֹיךְ גוֹרֵם. וָוארִין סֶע פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז גוֹרֵם אוּן זִי אִיז מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדָּה. **אִיבֶּער דֶעם. הָאבִּין דִי כִּיתָּה** (וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען דֶער עִיקָר תַּכְלִית כָּבוֹד) גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם אוּן מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל דֶערְצוּ הָאבִּין זֵיי זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.




**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט.** אַז נִיט דֶער כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיקְלֶערְט. **אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה.** וָוארִין מִיר זֶעהְן אַז אַלֶע זַאכִין

וָואס סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. מוּזִין אַלֶע פַּארְלֶענְט וֶוערִין. **אוּן וָואס סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין** אִין דֶער וֶועלְט. גְרָאז אוּן אַלֶע פְּרוּכְטִין אוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אַלְץ וָואס אִין דֶער וֶועלְט. מוּז אַלְץ צוּם סוֹף נִישְׁט וֶוערִין. **נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער תַּכְלִית** פוּן אַלֶע זַכִין אַז סֶע זָאל נִכְלָה וֶוערִין. (דְהַיינוּ פַּארְלֶענְט וֶוערִין) אִיבֶּער דֶעם אַ רוֹצֵחַ. וָואס עֶר הַרְגִיט אוּן פַּארְלֶענְט מֶענְטְשְׁן. בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ דִי וֶועלְט צוּם תַּכְלִית אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָפְּגִיקְלֶערְט. אַז דֶער תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה. **הָאבִּין זֵיי גִיזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן** וָואס עֶר זָאל זַיין אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ כַּעַסְן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל קִנְאָה. וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאם תַּכְלִית (וֶועדָלִיג זֵייעֶר פַּארְפִירְטֶע דֵיעָה) **אוּן דֶער** קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** זוּכִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט אַ גִישְׁרֵיי. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גִישְׁרֵיי. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. דָאס גִישְׁרֵיי אִיז. וָואס אֵיינֶער הָאט זַיין פָּאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוֹילִיט. **הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפִין.** וִוי גִיפִינְט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי אַ רוֹצֵחַ וָואס עֶר זָאל אַזוֹי אַ שְׁטַארְק הַארְץ הָאבִּין אוּן זָאל זַיין אַזוֹי אַ כַּעַסְן. אַז עֶר זָאל הַרְגֶענֶען פָּאטֶער אוּן מוּטֶער. אָט דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט פָּאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוֹילֶעט) אוּן עֶר אִיז זֵיי וואוֹיל גִיפֶעלִין. **אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען** פַּאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין (דְהַיינוּ זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין) צוּ רְצִיחָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אָרְט צְוִוישְׁן בֶּערְג. וָואס דָארְטִין הַאלְטִין זִיךְ רוֹצְחִים. אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר מֶלֶךְ.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט.** אַז סֶע קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. דֶער וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין אוּן עֶר עֶסְט נִיט דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן נָאר אֵיידְלֶע זַאכִין. אוּן אַזוֹי אַ מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ נָאר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶף נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן. וָואס עֶר זָאל נִיט עֶסִין דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן. **הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייל** אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין עוֹשֶׁר וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין (אוּן זַיין עֶסִין אִיז אַבִּיסִיל אֵיידְלֶער) בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי ווִילִין. וָואס עֶר זָאל נִיט עֶסִין וְכוּ׳ כַּנַ״ל, **אוּן דֶערְוַוייל** הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט דֶעם עוֹשֶׁר פַּאר אַ מֶלֶךְ. בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְשׁ וִוי זֵיי ווִילִין כַּנַ״ל דֶעמוּלְט וֶועט דֶער עוֹשֶׁר אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה. אוּן מֶע וֶועט יֶענֶעם אוֹיף נֶעמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ. **אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן** אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט** אַז אַ יְפַת תּוֹאַר קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז זִיךְ. אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן. וָוארִין פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז זִיךְ דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין. אוּן וַוייל אַ יְפַת תּוֹאַר בְּרֶענְגְט צוּ דֶער תַּאֲוָה. וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גְרֶעסֶער דֶער יִישׁוּב פוּן דֶער וֶועלְט. (וָוארִין סֶע וֶוערְן מֶער מֶענְשְׁן) נִמְצָא בְּרֶענְגְט זִי זִיךְ צוּם תַּכְלִית. אִיבֶּער דֶעם קֶער אַ יְפַת תּוֹאַר צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ יְפַת תּוֹאַר אוּן זִי אִיז אִיבֶּער זֵיי גִיוָוארִין מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צווועלעווטע מעשה - דער בעל תפילה (9)

**א. וועלכע קעניג האבן די כת פון כבוד געטראפן?**
- ☐ א אלטער בעטלער א ציגיינער וואס האט זייער מקפיד געווען אויף זיין כבוד
- ☐ א אלטער פעשער מענטש
- ☐ א אינגער מענטש וואס האט א גאנצן טאג גערעדט פון זיין כבוד

**ב. פארוואס האט די צווייטע כתה געזאגט אז דער תכלית איז רציחה?**
- ☐ ווייל ווער ס'הרג'ט אסאך מענטשן האט אסאך כבוד
- ☐ ווייל אלעס אין דער וועלט ווערט פארלענט און א רוצח פארלענט מענטשן
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. ווען האבן זיי גענומען פאר א מלך?**
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט אסאך מענטשן
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיינע קינדער
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיין טאטע און מאמע

**ד. ווען האבן גענומען פאר א מלך די כתה וואס האבן געהאלטן אז א מלך דארף זיין איינער וואס עסט נאר איידעלע עסן?**
- ☐ זיי האבן געטראפן איינעם וואס עסט נאר איידעלע עסן
- ☐ זיי האבן נישט געטראפן האבן זיי דערווייל גענומען א עושר אלס מלך
- ☐ זיי האבן נישט געטראפן א מלך

**ה. ווען האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית צו באזעסן די וועלט?**
- ☐ איינער וואס האט געהאט אסאך קינדער
- ☐ איינער וואס האט געהאט אסאך ווייבער
- ☐ א יפת תואר

**ו.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווייםאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִּיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גּוֹרֵם זַיין צוּ... **ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואס זיי האבן זיך באזעצט ?**

**באציבן אויף יעדע איינע פון די פיר לשונות, אויף וועלכע כת האט עס דער רבי געשריבן**

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִּיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִּיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גּוֹרֵם זַיין צוּ...

הָאבִּין דִי כִּיתָה גִּיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גּוֹרֵם אוּן מְסוּגָּל צוּ...

## תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (8)

**וויפל מאל ביי די מעשה האט דער בעל תפילה געגעבן א עצה ? און פארוועמן ?** **צווי מאל**

**1, פארן מלך - אז די בת יחידה זאל חתונה האבן מיטן גבור**

**2, פאר די מדינה של עשירות אז מען באדארף קלערין. דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶעם גִּבּוֹר. כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם דֶערְקֶענֶען. אוֹיב דָאס אִיז דֶער גִּבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ**

**וויפל מאל שטייט בי די מעשה אז עס איז געווען א "רוח סערה" ?** **פינף מאל**

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז ׳קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים׳, לוֹטֶער ׳סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה׳. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com